68 די צוועלף: צי ווילט איר אויך אוועקגיין? האָט
שמעון פּעטרוס אים געענטפערט: האַר, צו וועמען
זאָלן מיר גיין? דו האָסט די ווערטער פון אייביקן
69 לעבן. און מיר גלויבן און ווייסן, אַז דו ביסט דער
70 קדוש אלקים. האָט ישוע זיי געענטפערט: צי האָב
איך דען נישט אייך—די צוועלף—אויסדערוועלט?
71 און איינער פון אייך איז אַ טייוול. און ער האָט
גערעדט פון יהודה בן שמעון איש־קריות; וואָרום
דער דאָזיקער האָט אים געזאָלט פאַרראַטן, איינער
פון די צוועלף.

## קאַפּיטל זיבן

## 7

1 און נאָך דעם איז ישוע אַרומגעגאַנגען אין גליל;
וואָרום ער האָט נישט געוואָלט אַרומגיין אין
(לאַנד) יהודה, ווייל די יידן האָבן געזוכט אים צו
2 טייטן. און עס איז געווען נאָנט פאַר דעם יידישן
3 יום טוב סוכות, אַזוי האָבן זיינע ברידער צו אים
געזאָגט: הייב דיך אויף פון דאַנען, און גיי קיין
יהודה, כדי אויך דיינע תלמידים זאָלן זען דיינע
4 מעשים, וואָס דו טוסט. וואָרום קיינער טוט גאָרנישט
אין פאַרבאָרגעניש, און זוכט דאָך עפנטלעך באַקאַנט
צו זיין. אויב דו טוסט די דאָזיקע זאַכן, זיי דיך
5 מתגלה צו דער וועלט. וואָרום אַפילו זיינע ברידער
6 האָבן נישט געגלויבט אין אים. ישוע האָט דעריבער
צו זיי געזאָגט: מיין צייט איז נאָך נישט געקומען;
7 אייער צייט אָבער איז תמיד גרייט. אייך קען די
וועלט נישט האַסן; מיך אָבער האַסט זי יאָ, ווייל
איך זאָג עדות וועגן איר, אַז אירע מעשים זענען
8 בייז. זייט איר עולה רגל אויף יום טוב; איך גיי
נאָך נישט אַרויף אויף דעם יום טוב, ווייל מיין
9 צייט איז נאָך נישט דערפילט געוואָרן. און ווען